# דְרָשַׁת כָּל נִדְרֵי

פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א
שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

בעזרת השב יתברך

## דְרָשַׁת כָּל נִדְרֵי, יוֹם הַקָדוֹשׁ שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת:

**עֶס** שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (וַיִקְרָא טז, ל): כִּי בַיּוֹם הַזֶה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, ווַייל אִין דֶעם טָאג וֶועט עֶנְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעבְּן, עֶנְק צוּ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת, לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ, פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶטְץ וֶוערְן רֵיין.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ טָאג וָואס עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אוּן ווַאשְׁט אוּנְז אָפּ פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, לו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א, ה): "שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה בְּנוֹת יְרוּשָׁלָיִם", אַ גַאנְץ יָאר אִיז 'שְׁחוֹרָה אֲנִי', אִיךְ בִּין פַארְשְׁוַוארְצְט פוּן מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער 'וְנָאוָה' - בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, יוֹם כִּפּוּר בִּין אִיךְ שֵׁיין פַאר דִיר, יוֹם כִּפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

### בִּזְכוּת אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען רֵיין

**אַלֶע** סְפָרִים שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיף דֶעם טָאפְּלְט לָשׁוֹן, קוֹדֶם שְׁטֵייט: 'לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם', נָאכְדֶעם שְׁטֵייט נָאכְאַמָאל: 'לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ'?!

**נָאר** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס גֶעמַאכְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**אַלֶע** מְקַטְרִיגִים שְׁטֵייעֶן אוּן זוּכְן צוּ מְקַטְרֵג זַיין אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, מֶען הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶער בִּזְכוּת דֶעם וָואס אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֶעס מוֹחֵל.

**דָאס** זָאגְט דֶער פָּסוּק: 'לִפְנֵי ה'', אַז מֶען שְׁטֵייט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֵייסְט, מֶען הָאט אֱמוּנָה אוּן מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אַלֶעס, 'תִּטְהָרוּ' - וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן רֵיין.

### דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען רֵיין

**וֶוער** רֶעדְט נָאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה עֶר רֶעדְט אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן גֶערֵיינִיגְט!

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶע וֶועג, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס, ווִי פַארְשְׁמִירְט עֶר אִיז מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר אַן עֵצָה: רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מִתְוַודֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן בֶּעט אִים אִיבֶּער אוֹיף אַלֶעס.

**זָאג** פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין ווּאוֹיל, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ אַ יֵצֶר הָרָע, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!" "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק מִיר אָן ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, אִיךְ בִּין אַזוֹי ווַייט פוּן דִיר, אָבֶער אִיךְ גְלֵייבּ אִין דִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קוּם אִין שׁוּל, אִיךְ טוּ אָן טַלִית וּתְפִילִין".

**עֶס** זֶענֶען דָא הַנְהָגוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן דִי בַּעֲלֵי מוּסָר, דִי עֵצָה אַרְבֶּעט נָאר פַאר דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה אַרְבֶּעט פַאר אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, אָבֶער דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אִיד, מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל, פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, אִין גוּטֶע טֶעג, אִין שְׁוַואכֶע טֶעג אוּן אִין פַארְמַאכְטֶע טֶעג.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט מִיט דִי לִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן, עֶר שְׁטֵייט 'לִפְנֵי ה'', עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער ווִי שְׁטַארְק עֶר ווִיל זַיין גוּט אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע ווַארְפְט אִים אַרָאפּ, 'תִּטְהָרוּ' - וֶוערְט אִינְגַאנְצְן רֵיין.

**טײעֶרֶע בְּרִידֶער! הַארְצִיגֶע בְּרִידֶער!** לָאמִיר אויסְנִיצְן די הײלִיגֶע נַאכְט, לָאמִיר אַרויסְזָאגְן אַפָּאר אֶמֶת'ע דִיבּוּרִים פַאר'ן אײבֶּערְשְׁטְן.

**עֶס** איז נִישְׁטָא אַ וֶועג ווי אַזוי מֶען רֶעדְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער אײנֶער רֶעדְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אויף זַײן וֶועג, און אויף זַײן שְׁפְּרַאךְ, אַז מִיר רֶעדְן אִידִישׁ - רֶעדְן מִיר צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אין אִידִישׁ.

**אַז** מֶען זָאגְט פַאר'ן בַּאשעפֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך ווִיל זַײן גוּט, איך ווִיל שְׁטֵיין לִפְנֵי ה', איך ווִיל זַײן נָאנְט צוּ דִיר, איך ווִיל דִיר שְׁפִּירְן, איך ווִיל לֶעבְּן מִיט דִיר"**, - בִּזְכוּת דֶעם 'תִּטְהָרוּ' - וֶוערְט מֶען רֵיין.

בֶּעטְן אויף גַשְׁמִיוּת?!

**הַײנְט** איז זֵייעֶר אַ הײלִיגֶע נַאכְט, מֶען קֶען הַײנְט פּוֹעֵל'ן גְרויסֶע זַאכְן.

**יֶעדֶער** אײנֶער זָאל בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אויף פַּרְנָסָה, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַזוי מוּטְשֶׁען מִיט גֶעלְט, און אַזוי וַוייטֶער. מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אויף גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן, ווי פַּרְנָסָה, אַ הויז, אַ קַאר. דָאס וָואס שְׁטֵייט אין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זֹהַר, תִּיקּוּן ו) אַז די וָואס קוּמֶען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אין די הײלִיגֶע טֶעג און בֶּעטְן אויף אײגֶענֶע גֶעבְּרויכְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ הִינְט וָואס שְׁרֵייעֶן: "הַב הַב", זָאגְן די הײלִיגֶע צַדִיקִים אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, ווַײל פַארְוָואס דַארְף אַ אִיד זַײנֶע אַלֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן? נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַײן אִיד! פַארְוָואס דַארְף איך פַּרְנָסָה? נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַײן אַ אִיד! פַארְוָואס דַארְף איך אַ הויז? נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַײן אַ אִיד! פַארְוָואס דַארְף איך אַ שִׁידוּךְ? נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַײן אַ אִיד! פַארְוָואס דַארְף איך קִינְדֶער? נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען זַײן אַ אִיד! נָאר כְּדֵי צוּ קֶענֶען דִינֶען דֶעם הײלִיגְן בַּאשעפֶער!

**לָאמִיר** אויסְנִיצְן דֶעם טָאג ווי עֶס דַארְף צוּ זַײן. מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר וֶועט מֶען שְׁמוּעֶסְן פוּן אַלֶע נַײעֶס, הַײנְט וֶועלְן מִיר זִיצְן מִיט'ן מַחְזוֹר אוּנְטֶער'ן טַלִּית און רֶעדְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן

**בֶּעטְס** נִישְׁט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן נָאר פַאר זִיךְ, נָאר אויךְ פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן. עֶס איז דָא בַּחוּרִים אין יְשִׁיבָה וָואס ווַארְטְן שׁוֹין אַזוי לַאנְג פַאר שִׁידוּכִים, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן אַלֶע סְגוּלוֹת, עֶס זֶעט אויס ווי אַלֶעס איז פַארְשְׁטָאפְּט, בִּבְחִינַת (אֵיכָה ג, ח): "גַּם כִּי אֶזְעַק וַאֲשַׁוֵּעַ שָׂתַם תְּפִלָּתִי", מֶען דַארְף זֵיי הֶעלְפְן, מֶען דַארְף מִתְפַּלֵּל זַײן פַאר זֵיי, אויךְ זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַײט וָואס ווַארְטְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, מִיט פַּרְנָסָה, מֶען דַארְף מִתְפַּלֵּל זַײן פַאר זֵיי, זֵיי זָאלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער און פַּרְנָסָה.



**מֶען** גֵייט יֶעצְט זָאגְן די צְוֵויי הײלִיגֶע פְּסוּקִים (תְּהִלִּים צז, יא): **אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה**, אוי ווי גוּט און לִיכְטִיג איז פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גֵייעֶן אין די וֶועגְן פוּן די תּוֹרָה, פַאר זֵיי איז אַזוי גוּט און זִיס.

**דֶערְנָאךְ** זָאגְט מֶען די אַנְדֶערֶע פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, קלו): **פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ**, ווֵיי און בִּיטֶער איז דֶעם וָואס הִיט נִישְׁט די תּוֹרָה.

**די** צְוֵויי פְּסוּקִים הָאט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ זָאגְן, עֶס איז אַ תִּיקוּן אויף די עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. ווי אַזוי איז דָאס אַ תִּיקוּן? - ווַײל די פְּסוּקִים זָאגְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ: הֶער זִיךְ צוּ, **אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק**, פַאר'ן צַדִּיק שַׁיינְט, עֶס איז אִים זִיס און לִיכְטִיג, **וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה**, פַאר'ן עֶרְלִיכֶער אִיד איז אַזוי פְרֵיילִיךְ און שֵׁיין, ווִידֶער **פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ**, אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הִיטְן די תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען אין שׁוּל דַאוֶוענֶען, דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דַײנֶע אויגְן, דוּ וֶועסְט חַס וְשָׁלוֹם פּוֹגֵם זַײן בִּבְּרִית, וֶועסְטוּ אַסַאךְ דַארְפְן ווַיינֶען אין לֶעבְּן. אוי הָאט מֶען נָאכְדֶעם צָרוֹת, מֶען דַארְף נָאכְדֶעם פַארְגִיסְן אַסַאךְ טְרֶערְן.

זִיךְ מְקַבֵּל זַײן צוּ הָאבְּן הײלִיגֶע אויגְן

**אַמָאלִיגֶע** צַײטְן איז גֶעוֶוען, ווִילַאנְג אַ אִיד איז גֶעזֶעסְן אִינְדֶערְהֵיים אָדֶער אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, איז עֶר גֶעוֶוען אָפְּגֶעהִיטְן, ווֶען עֶר איז אַרויס אין גַאס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, און גֶעדַארְפְט אַרָאפּ קוּקְן נִישְׁט צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אין אַ רְאִיָּה אֲסוּרָה, הַײנְט איז גֶעוָוארְן אַ שְׁוֶוערֶע וֶועלְט, מֶען קֶען זַײן אִינְדֶערְהֵיים און אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ און הָאבְּן די גְרֶעסְטֶע נִסְיוֹנוֹת אין שְׁמִירַת עֵינַיִם, אויב מֶען הָאט אַ טֶעלֶעפָאון, קָאמְפְּיוּטֶער און אײפֶּאד וְכַדוֹמֶה.

**לָאמִיר** זִיךְ מְקַבֵּל זַײן אין דֶעם הײלִיגְן נַאכְט צוּ הָאבְּן הײלִיגֶע אויגְן, לָאמִיר זִיךְ מַחֲזִיק זַײן אֲוֶועק צוּ ווַארְפְן די אַלֶע זַאכְן, מֶער נִישְׁט קוּקְן די אַלֶע זַאכְן, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס איך טוּ, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס איך הָאבּ, קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס איך קוּק, איך טוּ עֶס פַאר'ן אײבֶּערְשְׁטְן, 'לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ', איך רֵיינִיג זִיךְ פַאר'ן אײבֶּערְשְׁטְן.

**אִין** אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב קֶען מֶען נִישְׁט אַרֵיין בְּרֶענְגֶען קֵיין מָאווִי'ס, אין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב קֶען מֶען נִישְׁט אַרֵיין בְּרֶענְגֶען קֵיין די ווִי דִי'ס, אין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן קֵיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם. אוי וָואס פַאר אַ צָרוֹת מֶען הָאט נָאכְדֶעם, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט די אויגְן פַארְלִירְט מֶען די קִינְדֶער, מֶען פַארְלִירְט די פַּרְנָסָה.

**לָאמִיר** זִיךְ מְקַבֵּל זַײן, איך גֵיי הִיטְן מַײנֶע אויגְן; און איך גֵיי מֶער נִישְׁט הֶערְן קֵיין נַײעֶס.

### נאָך איין חֶסֶד פֶעלְט אוֹיס - הַפְצָה

**טייעֶרע** בְּרידֶער! הַארְצִיגֶע בְּרידֶער! דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה, מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, מִיר ווייסְן פוּן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, מִיר ווייסְן אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אַפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוערְט מַמָּשׁ אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶער מֶענְטְשׁ.

**מִיר** הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז עֶס גֶעוֶוען שְׁוֶוער, יֶעדֶער אִיז נָאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲרָטָה, מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר גְלֵייבְּן אַז דֶער רֶבִּי וֶועט אוּנְז מְתַקֵּן זַיין.

**מִיר** דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים זָאל אַרַיין גֵיין אִין נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַז אַלֶע זָאלְן ווִיסְן פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען קֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דָאךְ אַזאַ זִיסְקֵייט אוּן לִיכְטִיגְקֵייט.

**לָאמִיר** זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֶעלְפְן אִידְן. הַיינְט אִיז אַ וֶועלְט פוּן חֶסֶד, אִידִישֶׁע קִינְדֶער טוּעֶן מוֹרָא'דִיג אַסָאךְ חֶסֶד, אָבֶּער נָאךְ אֵיין חֶסֶד פֶעלְט אוֹיס, מֶען דַארְף רַחֲמָנוּת הָאבְּן צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד וָואס מֶען קֶען טוּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, אַז מֶען שַׁיינְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק.

**דָאס** וֶועלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ אוֹיפְגֶעוַואכְטְן וֶוערְן, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל שׁוֹין ווִיסְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

### דֶער יָתוֹמֶ'ל מִיט'ן פַייפֶער

**טייעֶרע** בְּרידֶער! הַארְצִיגֶע בְּרידֶער! לָאמִיר אוֹיסְנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן נַאכְט, לָאמִיר רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. אַפִילוּ דָאס הַארְץ אִיז פַארְמַאכְט, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אִיךְ שְׁטֵיי לִפְנֵי ה', אִיךְ שְׁטֵיי פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיר אוֹיס.

**יֶעדְעס** יָאר דֶערְצֵיילְן מִיר דִי הֵיילִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אֵיין יָאר, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזֶען אִין הִימֶל אַז עֶס שְׁוֶועבְּט אַ שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה אוֹיף דִי אִידְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט פְּרוּבִּירְט מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. אִינֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעדַאוֶוענְט אַ אִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ זַיין פְּלִימֶענִיק, אַ צֶען יֶערִיג יָתוֹמֶ'ל, אוּן אַזוֹי ווִי דֶער יָתוֹם הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶלְטֶערְן וָואס זָאלְן זִיךְ זָארְגְן פַאר אִים אִיז עֶר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, אֲפִילוּ עִבְרִי אוּן אַלֶף בֵּית. וָוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען יוֹם כִּפּוּר הָאט אִים דֶער פֶעטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אִין שׁוּל מִיט זִיךְ. דֶער קִינְד הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ פַייפֶערְל מִיט וָואס עֶר הָאט אֵייבִּיג גֶעפַייפְן בַּיים פַּאשֶׁענֶען דִי שֶׁעפְּעלֶעך פוּן זַיין פֶעטֶער, אוּן וָוען דֶער פֶעטֶער הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט עֶר מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם פַייפֶערְל מִיט זִיךְ אוּן דָאס גֶעהַאלְטְן אִין זַיין טַאשׁ.

**דֶער** קִינְד אִיז גֶעזֶעסְן כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען קַיין אֵיין וָוארְט, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יֶעדֶער שְׁטֵייט אַיינְגֶעהִילְט אִינֶעם טַלִּית אוּן קִיטְל, מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי הֵיילִיג אוּן עֶרְנְסְט, אַלֶע ווֵיינֶען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים זֵייעֶר ווִי גֶעטוּן זַיין הַארְץ, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען זַיין נְשָׁמָה: "אִיךְ ווִיל דָאךְ אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגִיסְן מַיין קְלֵיינֶע הַארְץ צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין עִבְרִי, אִיךְ ווֵיים נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט". אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען הָאט זִיךְ דֶער קִינְד שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אַיינְהַאלְטְן, אַז דָאס גַאנְצֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ דַאוֶוענְט אַ גַאנְצְן טָאג פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: 'וָואס קֶען 'אִיךְ' טוּן פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן?' אִיז אִים בַּיינְגֶעפַאלְן אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען טוּן, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם פַייפֶער פוּן טַאשׁ אוּן גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פַייף, וָואס הָאט אָפְּגֶעדִינֶערְט אִין גַאנְצְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ... 'אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען - זָאל אִיךְ כָאטְשׁ פַייפְן פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן!' פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער פֶעטֶער הָאט אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן: "וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן?! דוּ הָאסְט גֶעשְׁטֶערְט דָאס גַאנְצֶע בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן דַאוֶוענֶען!"

**מוֹצָאֵי** יוֹם טוֹב הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט, אַז דֶער קִינְד מִיט זַיין פַייף הָאט צֶערִיסְן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירָה, ווַיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעוֶועךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶוענֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע ווִילְן כָאטְשׁ עֶפֶּעס צוּ טוּן פַאר'ן אויבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ פַייף מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ - מִיט דֶעם הָאט עֶר בַּאווִיזְן צוּ צֶערַייסְן דִי גְזֵירָה.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט 'וֶוער עֶס דַאוֶוענְט', אוּן 'וָואס עֶר דַאוֶוענְט', דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַרַיין אִין דִי הֶערְצֶער, צוּ זֶען וֶוער עֶס שְׁרַייט פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, אַזוֹי ווִי דֶער קִינְד וָואס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט, אוּן הָאט גֶעפַייפְן מִיט'ן פַייפֶערְל מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן מִיט דֶעם הָאט עֶר צֶערִיסְן דִי גְזֵירָה.

**אַמָאל** אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְזֶעט זִיךְ אִין אַזאַ הֵיילִיגֶע צַייט, פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם כִּפּוּר, עֶר שְׁפִּירְט ווִי זַיינֶע גֶעפִילְן זֶענֶען אִינגַאנְצְן פַארְמַאכְט, זָאל עֶר נִיצְן דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, זָאג אַרוֹיס פְּשׁוּט'ע דִיבּוּרִים פַאר'ן אייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ

שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְמַאכְט, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְלַאפְּט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם גֶעפִיל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם הַארְץ, אִיךְ בִּין פַארְשְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין טוֹיט, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּמִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ זֶע וִוי יֶעדֶער טוּט תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ דִיר, קוּק אָן וִוי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם עֶפְן מִיר מַיין הַארְץ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי פַארְשְׁטָאפְּט, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אָבֶּער אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד",

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַרַיין אִין דֶעם אִידְ'ס הַארְץ, עֶר זֶעט וִוי דֶער אִיד קְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן דִי תְּשׁוּבָה אוּן רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵיידְט צוּ דִי עֶזְרַת נָשִׁים אוּן גֶעזָאגְט מִיט גֶעוֵויין

**טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן! טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס!** לָאמִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, כָּל נִדְרֵי בַּיינַאכְט, צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן עֶרְלִיךְ, אֵיידְל אוּן שֵׁיין.

**מִיר** גֵייעֶן בַּאלְד זָאגְן: "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה", פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס פָאלְגְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אוּן וָואס צַדִיקִים זָאגְן, אִיז לִיכְטִיג אוּן זִיס, פַאר אִים אוּן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה, ווִידֶער: "פַּלְגֵי מַיִם יָרְדוּ עֵינָי עַל לֹא שָׁמְרוּ תוֹרָתֶךָ", טַייכְן טְרֶערְן גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן דִי אוֹיגְן אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה.

**לָאמִיר** פָאלְגְן דִי צַדִיקִים, לָאמִיר פָאלְגְן מוֹהֲרָא"שׁ; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע קְהִילָה 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןְ מֶען זָאל זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר, אוּן מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קָאפּ צוּדֶעק.

**דָאס** בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, דָאס בְּרֶענְגְט קִינְדֶער, דָאס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דָאס בְּרֶענְגְט גֶעזוּנְט, אוּן אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען בִּיאַת מָשִׁיחַ.

**עֶס** אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד דָאס נִישְׁט צוּ טוּן, דוּרְךְ זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דָאס בִּיסְל הָאר, דוּרְךְ אַזַא קְלֵיינִיקֵייט, קֶען מֶען בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה!

**'שֵׁיין'** אִיז וָואס עֶס אִיז שֵׁיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; נִישְׁט דָאס וָואס דֶער גוֹי זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין מֵיינְט שֵׁיין. צוּ דֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ תְּפִלָּה; לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע אִידְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן וָואס אִיז שֵׁיין, אַז שֵׁיין אִיז נִישְׁט דָאס וָואס דֶער גוֹי זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין, נָאר דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶס אִיז שֵׁיין".

זַייט מִיר מוֹחֵל, אוּן בֶּעטְס פַאר מִיר

**אִיךְ** רֶעד נִישְׁט צוּ עֶנְק, אִיךְ רֶעד צוּ מִיר אַלֵיינְס; מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן רֶעדְן אִין יְשִׁיבָה אוּן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, בֶּאֱמֶת דַארְף אִיךְ זִיךְ אַלֵיינְס מְתַקֵן זַיין, מַיין טְרֵייסְט אִיז אַז 'לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ', אִיךְ טוּ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ אַלֶע אִיר זָאלְט מִיר מוֹחֵל זַיין. מִיר וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶועןְ וֶוען אִיךְ קֶען זִיצְן אִין דִי זַייט אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט קֵיינֶעם, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַזוֹי, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעהֵייסְן רֶעדְן אוּן זָאגְן וְכוּ', וְכוּ', - דַארְף אִיךְ זָאגְן. בֶּעט אִיךְ אַייךְ זַייט מִיר מוֹחֵל.

**אוֹיךְ** וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, מֶען זָאל מִתְפַּלֵל זַיין אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער צוּ קֶענֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה וְכוּ', אוּן טוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן.

אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פוֹעֵלְ'ן אַ גוּט יָאר, אוּן מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר שְׁטֵייעֶן 'לִפְנֵי ה'' - בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַפִילוּ קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, הָאבּ אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער דַארְפְן נִישְׁט שְׁטִימֶען, קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**אִיךְ** וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין, אוּן עֶר זָאל מַאכְן אַ נֵס מִיט מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען, אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ לֵייגְן תְּפִלִין, אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**מֶען** גֵייט יֶעצְט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען גֵייט אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי סֵפֶר תּוֹרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אָמֵן.


קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876